בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת חֻקַּת

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

דַארְף אִיךְ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן וואוֹינֶען נֶעבְּן מַיין טַאטֶע?............א

וִויפִּיל מָאל דַארְף מֶען זִיךְ טְרֶעפְן פַּאר אַ שִׁידוּךְ?......................ג

וואוּ אִיז מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה?...................................................ה

וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן פֵּייגְל וָואס לֵייגְט אִירֶע
אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן?..................................................ז

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט?...............י

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רוּפְן
דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען?.......................................................יב

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִין כִּיבּוּד אָב,
וֶוען דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק?............................יג

וִוי אַזוֹי הָאט מֶען שְׁטַארְקֶע קַאנְפִידֶענְס אִין בִּיזְנֶעס?............טז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע קַבָּלוֹת נָאר בְּלִי נֶדֶר.....................................א

זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַּאר דִי וַוייבּ אַז זִי לָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן..ב

אַשְׁרֵינוּ טוֹיזְנְט מָאל, אַז מִיר זֶענֶען בַּיי אַ רֶבִּי
וָואס נַארְט אוּנְז נִישְׁט..........................................................ב

אִינְוֶועסְטִיר אִין בְּלֶעטֶער גְמָרָא.............................................ג

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ
זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ...................................................................ד

דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער...............................ה

זֶע מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אִין שְׁטֶעטְל ..............ו
זָאג "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס" אָן אַ שִׁיעוּר מָאל ......ט
אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז מֶען מְקַנֵא דֶער וָואס
אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן ..........................................................י
זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין קִינְדֶער ..............יא
דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע סְמַארְטְפָאוֹן אִיז מַיין שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה..............יא
דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר אָנְגֶעפִּילְט מִיט אֱמוּנָה ..........יג
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד ............יג
מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט וֵוייךְ אוּן שֵׁיין.....................יד
אַ מְלַמֵד דַארְף אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן אוּן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט ........יד
דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר
צוּפְרִידְן פוּן אֵייעֶר אַרְבֶּעט ....................................................טו
אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין קְלַאס, אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען..... טו
דִי חִינוּךְ וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער ...........טז
צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט יָאנְטְשִׁי; עֶס אִיז שֵׁיין, רַייךְ אוּן הֶערְלִיךְ ......טז
גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער הִתְבּוֹדְדוּת.........................................יז
תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין ..............יז
דִי קִינְדֶער וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן גוּטֶע מִידוֹת .........יח
אַ מְחַיֶ' צְנִיעוּת, אַ מְחַיֶ' שַׁבָּת .........................................יח
אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַכָּרַת הַטוֹב פַאר אַלֶע אָפִּיס אַרְבֶּעטֶער............ יט
דֶער לִימוּד פוּן נֵייעֶן אִיז זֵייעֶר וִוויכְטִיג פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ ......... יט
דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעגְרַאטֶעוֶועט דִי מוֹסָד,
וֶועט אַייךְ בַּאגְלֵייטְן בְּזֶה וּבַבָּא.........................................כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דַארְף אִיךְ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן וואוֹינֶען נֶעבְּן מַיין טַאטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל דַארְף אִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, דִי פְּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, דִי עֵצוֹת אוֹיף אַלֶע אַסְפֶּעקְטְן אִין לֶעבְּן, אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, חִינוּךְ אוּן נָאךְ, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין וֶועגְווייזֶער אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּב מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם. אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ דָא חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶער אִיךְ קוּם פוּן אַ צְווייטֶע לַאנְד.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ שֵׁיין מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אָבֶער לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ מַיין טַאטֶע פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר אוּן עֶר ווִיל אִיךְ זָאל צוּרִיקְגֵיין וואוֹינֶען נֶעבְּן אִים.

מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גוּט מְסַדֵּר גֶעוֶועזְן דָא שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן, מַיין וַוייבְּ'ס גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וואוֹינְט דָא; בִּכְלַל אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן יֶעצְט מִיט אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן צוּ אַ צְווייטֶע לַאנְד, אוּן עֶס אִיז דָא אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אִיךְ קֶען דָארְט הָאבְּן, אוֹיסֶער נָאךְ אַסַאךְ סִיבּוֹת פַארְוָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע,

אֶפְשָׁר װעגט כִּיבּוּד אָב אִיבֶּער די אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן? מַיין טַאטֶע װעט זַיין זַייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוֹיבּ װעל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַרִיבֶּערְצִיעֶן נֶעבְּן אִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת און תְּפִלּוֹת אוֹיף דֶעם, זֶעט אָבֶער אוֹיס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג. מַיין טַאטֶע דְרוּקְט אוֹיף מִיר װען אִיךְ קוּם שׁוֹין און אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א װעט מִיר פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן װעג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", װען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ רֶעכְן עֶס כְּאִילוּ עֶר אִיז מִיךְ מְכַבֵּד; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין א, ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

קֶענְסְט בְּלַייבְּן וואוֹינֶען דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט; כִּיבּוּד אָב מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף טוּן וָואס די עֶלְטֶערְן זָאגְן, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מֵיינְט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַ גַאנְצֶע סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ) – וָואס מֵיינְט כִּיבּוּד, וָואס מֵיינְט מוֹרָא; עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס טַאטֶע מַאמֶע פַארְלַאנְגֶען פוּן די קִינְדֶער מוּזְן די קִינְדֶער טוּן, דוּ זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; רוּף זֵיי יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת;

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אַהִין גֵיין וואוּינֶען.

דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם (עַיֵין קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, סִימָן קמג). וֶוער עֶס וִויל בֶּאֱמֶת מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עוֹסֵק זַיין אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "וואוּיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מְגַדֵּל גֶעוֶוען אַזַא קִינְד", חַס וְשָׁלוֹם, אַז מֶען גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - דַאן וֶוערְן דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיפִיל מָאל דַארְף מֶען זִיךְ טְרֶעפְן פַאר אַ שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וויפִיל מָאל מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן אֵיידֶער מֶען שְׁלִיסְט אַ שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיף וָואס דַארְף מֶען קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן רוֹב אַרְבֶּעט פוּנֶעם שִׁידוּךְ; זֵיי פְרֶעגְן זִיךְ גוּט נָאךְ אוֹיפְ'ן שִׁידוּךְ, זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ מִיט דִי בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל, נָאכְדֶעם וֶוען דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן אַז דָאס אִיז פַּאסִיג - דַאן טְרֶעפְן זִיךְ דִי בָּחוּר אוּן מֵיידְל אֵיין מָאל אָדֶער צְוֵויי מָאל, אוּן אַז עֶס אִיז דָא חֵן צְווִישְׁן זֵיי עֶנְדִיגְט מֶען דִי שִׁידוּךְ.

בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער טְרֶעפְט מֶען זִיךְ מֶער; אֵיינֶער מֶער, אֵיינֶער

ווייניגער. בּיי דעם איז נישט געזאגט געווארן 'וְכָל הַמַּרְבֶּה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח'; אַז מען זעט אַז די מיידל איז בּאַ'חֵנְ'ט, זי איז געזונט און האט יִרְאַת שָׁמַיִם - שליסט מען די שידוך, עס האט נישט קיין שום זין צו שלעפּן צייט.

מען דאַרף געדענקען פון תַּכְלִית; מען טאָר נישט פאַרגעסן וואס איז די זאַך פון חֲתוּנָה האָבּן. פאַרוואס האָט מען חֲתוּנָה? נאָר ווייל דער אייבערשטער האָט געהייסן, נאָר כְּדֵי מְקַיֵּים זיין די מִצְוָה פון פְּרִיָה וּרְבִיָה, מְקַיֵּים זיין די מִצְוָה פון זיין חֲתוּנָה געהאַט. מען דאַרף זיך טרעפן פאַר די שידוך, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (קִידּוּשִׁין מא.): "אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת הָאִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה", מען טאָר נישט חֲתוּנָה האָבּן נאָר אַז מען זעט די מיידל, "שֶׁמָּא יִרְאֶה בָּהּ דָּבָר מְגֻנֶּה וְתִתְגַּנֶּה עָלָיו", כְּדֵי מען זאָל זיך נישט קריגן און זיך פיינט האָבּן חַס וְשָׁלוֹם; דעריבּער טרעפט מען זיך פאַר'ן שידוך, אָבּער סְתָם אַרויסגיין איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַ צענטע מאָל און אַ צוואַנציגסטע מאָל - איז אַ געלעכטער, נישטאָ וואס צו זען יעצט וואס מען האָט נישט געזען פריער, עס איז סְתָם לֵיצָנוּת.

ווער רעדט נאָך אַז מען וויל שוין יאָ מאַכן אַ שידוך, נאָר דער יֵצֶר הָרָע זאָגט מען זאָל זיך אַרום דרייען, אַרויסגיין וְכוּ' וְכוּ', מען קומט צו שווערע בִּיטערע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מען פאַלט אַראָפּ אין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן; פון דעם ווערט נישט קיין שידוך, פון דעם ווערט נאָר אָפּגעשטופּט די שידוך. דער רבּי זאָגט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת פְּגַם הַבְּרִית יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ", ווען אַ מענטש זינדיגט אין פְּגַם הַבְּרִית פאַרלירט ער זיין שידוך, "וַאֲפִילּוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", און אֲפִילּוּ איינער וואס האָט שוין חֲתוּנָה געהאַט, אויבּ איז ער פּוֹגֵם בִּבְרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, ווערט ער זיך קריגן מיט די ווייבּ, ער וועט ווייטער נישט האָבּן זיין שידוך.

דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבּן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

...

## וואו אִיז מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִין אַ לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער שְׁטוּבּ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעהֶערְן קֵיין חַבַּ"ד, אָבֶּער זֵיי גֵייעֶן אוֹיךְ צוּ אַ חָשׁוּבֶ'ער מַשְׁפִּיעַ פוּנֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר. עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט בְּרֶסְלֶב אוּן שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ גֶעווֹאוֹיר גֶעוָוארְן פוּן מוֹהֲרַ"ן'ס דוּרְכְ'ן סֵפֶר "אֵשׁ קוֹדֶשׁ", אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת דָארְט אוּן אִיךְ בִּין שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעמָאלְט אַ שְׁטִיקְל "מוֹפֵת", וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דָארְט אִיבֶּער פִילֶע מוֹפְתִים פוּן מוֹהֲרַ"ן'ס אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן 'אִיז דֶען מוֹפְתִים דָאס וָואס מַאכְט אַ צַדִּיק?' אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ מִישׁ אוֹיף צוּ דִי הַקְדָמָה, אוּן דֶער מְחַבֵּר שְׁרַייבְּט דָארְט: "זִיכֶער אִיז נִישְׁט דִי מוֹפְתִים וָואס מַאכְן אֵיינֶעם פַּאר אַ צַדִּיק, נָאר דָאס וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ פִילֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ"ן'ס אוּן דָאס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן.

יֶעצְט בִּין אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וָואס מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה אִיז, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס אוּן שֶׁעצְן דָאס, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּין אִיךְ אָבֶּער אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִין לִיוּבַּאוִויטְשׁ, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מַשְׁפִּיעַ צוּ וֶועמֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן. אִיךְ וִויל וִויסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט וֶוער מַיין רֶבִּי אִיז, וָואס מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה אִיז; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אִין בְּרֶסְלֶב, חַבַּ"ד, אָדֶער בַּיי דֶעם חָשׁוּבְ'ן מַשְׁפִּיעַ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וואו צוּ גֵיין אוּן פוּן וֶועם צוּ מְקַבֵּל זַיין הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, "וְיָדוֹ סְגוּרָה", מִיט אַ פַאְרְמַאכְטֶע הַאנְט, "וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען, יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וִויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען וִויל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט; "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע", אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע, "שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ מֶען זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן, בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט, אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם מָשָׁל בְּעִיקָר דָאס נָאכְלוֹיפְן אַ צְוֵוייטְן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס לוֹיפְן נָאךְ אַנְדֶערֶע, מֶען לוֹיפְט צוּ מַשְׁפִּיעִים, צוּ רֶבִּי'ס - אוּן מֶען וֶוערְט אָפְּגֶענַארְט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דָאס לֶעבְּן מִיט גָארְנִישְׁט.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא: 'אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל אָנְקוּמֶען צוּם אֱמֶת'; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת טו): "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ

צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

**נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ׳ן פֵייגְל וָואס לֵייגְט אִירֶע אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט אִירֶע אֵייעֶר אִין דִי נֶעסְטְן פוּן אַנְדֶערֶע פֵייגֶלֶעךְ, אוּן וֶוען דִי פְּרִישֶׁע פֵייגֶלֶעךְ קוּמֶען אַרוֹיס גֶעבְּט זִי אַ פַּייף אוּן אַלֶע פֵייגֶלֶעךְ קוּמֶען צוּ פְלִיעֶן צוּ אִיר. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט אוֹיךְ אַזוֹי, עֶר הָאט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער, אוּן מִיט אֵיין פַּייף קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק צוּ אִים.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וואוּ דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט, אוּן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה אִיז מֶער פּוּנְקְטְלִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תרג) דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל זִי זָאל קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אַלֶע אֵייעֶר אוֹיף אֵיינְמָאל אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁוִוינְדְלְט אַרַיין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַּייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ הֶערְן דִי פַּייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: ״וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵעִנְיַן גְּדוֹלַת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם״, דִי נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים; דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ לוֹיפְן פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת׳ן צוּם רֶבִּי׳ן, דִי אַלֶע זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן, דִי בַּאלַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט, זֵיי פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט. אִינְדְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען אַז זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע פֵייגְלֶעךְ, צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן, צוּ דֶעם מְפֻרְסָם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי דֶעם רֶבִּינְ׳ס אֵייעֶר, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אֵיין פַּייף, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלָה עַל הַכֹּל״, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, ״אִישׁ בַּל יֵעָדֵר, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן״, - קוּמֶען אַלֶע קַיין אוּמַאן, אַלֶע

לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרע נֶעסְטְן אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דָאס זֶעט מֶען קְלָאר, וֶוער עֶס ווערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי): וִויפִיל פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בַּיי מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶפֶשׁ וָטִיט, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בְּלָאטֶעס, "וְעַל יָדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזוֹ שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים", אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַּרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים", אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן, "שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַי לָהֶם", וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי, "כִּי גַם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם", זֵיי קוּמֶען פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ וָואס דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת אִיז אוֹיךְ צוּ קְלֵיין, "שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתּוֹר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים", וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט פַאר זֵיי גְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ, "וְעַל יָדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזוֹ שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים", אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע דַּרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן לֵייגְן אֵייעֶר אִין אַלֶע נֶעסְטְן, מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, דֶער רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס רֶעדְט צוּ אַלֶעמֶען, סַיי צוּ דָרֵי מַעֲלָה - דִי וָואס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן סַיי צוּ דָרֵי מַטָּה, דִי וָואס לִיגְן וואוּ זֵיי לִיגְן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ מַאךְ לֶעצְטְנְס הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט מְסוּדָר וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אִיךְ רֶעד סְתַּם וָואס עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיף, מַיין קָאפּ לוֹיפְט פוּן אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט. אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן וָואס צוּ רֶעדְן קוֹדֶם אוּן נָאכְדֶעם?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת, דָאס בַּארוּאִיגְט מִיר אַז עֶס אִיז גוּט וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין, דֶער עִיקָר אַז מֶען רֶעדְט אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אוֹיסְקְלָארְן אוּן עֶנְטְפֶערְן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין אָנְהֵייבּ אִיז מֶען נִישְׁט מְסוּדָר, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן, מֶען פָארְט אַרַיין פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּעטְן אוֹיף אֵיין זַאךְ אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, הֵייבְּט מֶען אָן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן; אַ רֶגַע שְׁפֶּעטֶער הֵייבְּט מֶען אָן דַאנְקֶען, מֶען אִיז צֶעמִישְׁט אָן אַ שִׁיעוּר.

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר

בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן - דַארְף מֶען וַוייטֶער אַזוֹי רֶעדְן. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד וֶוען מֶען הֶערְט ווִי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נָאר אֵיין וָוארְט. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז אַלֶעמָאל זָאגְן דֶעם בֵּיישְׁפִּיל, ווִי שְׁטַארְק אַ טַאטֶע מַאמֶע פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען זֵיי הֶערְן זֵייעֶר קְלֵיין קִינְד הֵייבְּט אָן רֶעדְן הַאלְבֶּע וֶוערְטֶער, מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, מֶען הָאט אַזַא תַּעֲנוּג און שַׁעֲשׁוּעִים וֶוען דֶער קִינְד מוּרְמֶעלְט עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ דֶער קִינְד מַאכְט נָאר אַ קוֹל. מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק; כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַזַא גֶערוּדֶער, אַזַא פְרֵייד - וֶוען מֶען הֶערְט אַ קְרֶעכְץ, אַ קוֹל, אַ וָוארְט, אַ גֶעשְׁרֵיי: 'טַאטֶע!' און זִיכֶער וֶוען מֶען זָאגְט אַ זַאץ: 'טַאטֶע הֶעלְף מִיר!' 'טַאטֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער!' 'טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין גוּט!' 'טַאטֶע אִיךְ מַיין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס!' 'טַאטֶע, זֶע מַיין הַארְץ'; עֶס וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמ): "אֲפִילוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת, רַק תֵּבַת 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם', גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין וֶוערְטֶער, מֶען קֶען נָאר זָאגְן 'טַאטֶע' - אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב.

אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ: "אוֹי, אוֹי" - אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תקיא): "אִם כֵּן שׁוֹכְבִין עַצְמָן וְגוֹנְחִין גְּנִיחָה אַחַר גְּנִיחָה", אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ קְרֶעכְצְן, "וְעָשָׂה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ גְּנִיחוֹת תְּכוּפוֹת, כִּמְרַמֵּז שֶׁכָּךְ יַעֲשֶׂה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעווִיזְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

הַכְּלָל, דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין צֶעמִישְׁטֶע וֶועג פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִלָּה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פַיילְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי ווִי גֶעוֶוער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט רַשִׁ"י: "תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה"; וֶוען מֶען שִׁיסְט פַיילְן

וַוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס פַאר אַ פַייל וֶועט רִיכְטִיג צוּטְרֶעפְן, מֶען שִׁיסְט פַּיילְן, אֲפִילוּ אַלֶע פַּיילְן וֶועלְן גֵיין לְאִבּוּד און נָאר אֵיין פַּייל וֶועט צוּטְרֶעפְן - אִיז שׁוֹין גֶענוּג, אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וַוייסְט נִישְׁט וָואס פַּאר אַ תְּפִלָּה וֶועט צוּטְרֶעפְן, וָואס וֶועט מַאכְן אַ רוֹשֶׁם. רֶעד וִוי אַזוֹי עֶס לָאזְט זִיךְ, צֶעמִישְׁטֶערְהֵייט; וַוייל אֵיין וָוארְט וֶועט אָנְקוּמֶען און שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען, עֶס וֶועט בְּרֶענְגֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זִיס מֵיידֶעלֶע, קוֹים אַ יָאר אַלְט, הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן לֶעצְטְנְס מִיט מַיין פוּלֶע נָאמֶען. אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף שְׁמֵייכְלֶען פוּן אִיר קְלוּגְשַׁאפְט, אָדֶער דַארְף אִיךְ אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טוּט נִישְׁט אַזוֹי. בְּעֶצֶם וָואס קֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אַן אֵיין יֶערִיג מֵיידְל?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער פִירְט מֶען זִיךְ אַז טַאטֶע מַאמֶע רוּפְן זִיךְ נִישְׁט בַּיים נָאמֶען, דִי טַאטֶע רוּפְט דִי וַוייבּ 'מַאמֶע' און דִי פְרוֹי רוּפְט דֶעם מַאן 'טַאטֶע', וַוייל קִינְדֶער רֶעדְן און פִירְן זִיךְ אַזוֹי וִוי זֵיי הֶערְן און זֶעעֶן בַּיי

דִי עֶלְטֶערְן.

אַז דוּ ווילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ זָאלְסְטוּ אוּן דַיין וַוייבּ זִיךְ נִישְׁט רוּפְן בַּיי דִי נֶעמֶען, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט רוּפְן בַּיים נָאמֶען, נָאר זָאגְן טַאטֶע מַאמֶע.

וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן אַבִּיסְל עֶלְטֶער אוּן זֵיי רוּפְן בַּיים נָאמֶען דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט רוּפְן טַאטֶע מַאמֶע בַּיים נָאמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ מַמָּשׁ קְלֵיין דֶעמָאלְט קֶען מֶען נָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מֶען זָאל זִיךְ רוּפְן 'טַאטֶע מַאמֶע'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִין כִּיבּוּד אָב, וֶוען דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ אַ יָחִיד בְּדוֹרֵנוּ מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט פַאר אוּנְזֶער דוֹר, לָדַעַת אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צִיט אַרוֹיס מַמָּשׁ מִיט אַ צְוֶוענְגְל פוּן יֶעדְן זַיין גוּטְן חֵלֶק צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "ווִי אִיךְ מֵיין אַ עֶרְלִיכֶע אִיד". יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס וֶוערְט גֶעגֶעבְּן הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן דִי אֱמֶת'קֵייט אוּן תְּמִימוּת אוּן שְׁטַארְקֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווילְן צוּ זַיין גוּט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ בִּין דֶער תַּכְשִׁיט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער קוּקְט מִיר אַרוֹיף אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען זָאל זַיין אַזוֹי ווִי מִיר, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה גֵיי אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל עֶנְדִיגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רוֹב רַשִׁ"י, אִיךְ הָאבּ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ ווִיסְן "בֶּאֱמֶת" ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זֶעט אוֹיס. אִיךְ פְרֶעג מַיינֶע "חָשׁוּבּ'עֶ" חֲבֵרִים זַאכְן פוּן

חוּמָשׁ און זֵיי הֵייבְּן נִישְׁט אָן צו וויסְן, אַזוֹי ווי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּיסְט בִּיז דָאס יָאר.

מַיין חַבֵר אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען חָתָן שִׁיעוּרִים בַּיי אֵיינֶער פון דִי גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע מַדְרִיכִים, און יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אֵיינְמָאל שְׁטִילֶערְהֵייט בְּסוֹד סוֹדוֹת: "ווִילְסְט וויסְן וֶוער עֶס הָאט דִי בֶּעסְטֶע שָׁלוֹם בַּיִת? ר' יוֹאֵל רוֹטְה'ס תַּלְמִידִים! אִיךְ זָאג נִישְׁט אַז אִיךְ הַאלְט פון אִים, אָבֶּער דֶער פַאקְט אִיז אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גָאר גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת", וֶוען מַיין חַבֵר הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צו הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, און בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס און מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ און אַ אִיד, און אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעגֶעבְּן צו פַארְזוּכְן פַאר נָאךְ אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק בְּעִנְיַן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז מִיר גֵייסְטִישׁ גָאר שְׁוֶוער; מַיין טַאטֶע שְׁפִּירְט פַאר ווִיכְטִיג בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב מוּחֶה צו זַיין אוֹיף פִּרְצוֹת און אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע שִׁיטוֹת, וּבִפְרַט וֶוען זַיינֶע קָאפְּלְס קוּמֶען, עֶס נֶעמְט אַוֶועק יֶעדֶע זִיסֶער טַעַם פון אִידִישְׁקֵייט און עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי מִצְוָה פון כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בַּאטִיטְלֶען דִי מִצְוָה (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת", הַארְבֶּער פון דָאס הַארְבְּסְטֶע; דִי מִצְוָה פון כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז בַּאקְוֶועם דֶעם מֶענְטְשׁ, כִּיבּוּד אָב וָאֵם דַארְף מֶען טוּן אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אוֹיךְ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן, זֵיי בֵּייזֶערְן זִיךְ און זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, אִין אַלֶע צַייטְן דַארְף מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין.

וָואס גֵייט דִיר אָן אַז דַיין טַאטֶע אִיז מוֹחֶה וְכוּ'? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אִים מִיט זִלְזוּל? פַארְוָואס זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט אַ טַאטֶע וֶוען עֶר הָאט זַיין שִׁיטָה, זַיין וֶועג - ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ? אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וֶוען דוּ זֶעסְט

אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ מוֹחֶה זַיין, וָואלְט דִיר עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען? וֶוען דוּ זֶעסְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אוּן אִיז מוֹחֶה - וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט? עֶס וָואלְט דִיר גֶעבַּאדֶערְט? זִיכֶער נִישְׁט, פַּארְוָואס זָאל אָנְגֵיין וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט? וָואס זָאל שְׁטֶערְן וֶוען אֵיינֶער אִיז מוֹחֶה? פְּרֶעג אִיךְ דִיר, וַוייל עֶס אִיז דַיין טַאטֶע דַארְפְּסְטוּ זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן? וַוייל עֶס אִיז דַיין טַאטֶע דַארְפְּסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען? וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן טְרָאגְן אַחְרַיוּת אוֹיף אִים? וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דוּ זָאלְסְט אִים אַיינְטֵיילְן דֵעוֹת? וֶוען דַיין טַאטֶע אִיז מוֹחֶה זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וֶוען עֶר זָאגְט זַיינֶע שִׁיטוֹת זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער לַאכְן. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אַחְרַיוּת, דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ דַארְפְּסְט גֶעפֶעלְן פַּאר אַנְדֶערֶע - וֶועט דִיר עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין.

רוֹב קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַחְרָאִי וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן, רֶעדְן, טוּעֶן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַנְשְׁטָאט נֶעמֶען אַחְרַיוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פִירְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִּירְן - זוּכְט מֶען חֶסְרוֹנוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן. אַנְשְׁטָאט פַּארְרֶעכְטְן דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן אִין זֵייעֶר הַנְהָגָה, נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן וִוי אַזוֹי זֵיי פִּירְן דִי שְׁטוּב - אִיז מֶען פַאַרְנוּמֶען פַּארְרֶעכְטְן דִי עֶלְטֶערְן.

אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל דִיר לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ ווִיל טוּן דִי מִצְוָה מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ שִׂמְחָה", בֶּעט אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ זָאל זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן".

הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט בַּיי אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי הָאט מֶען שְׁטַארְקֶע קַאנְפִידֶענְס אִין בִּיזְנֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט: "עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס דוּ זָאגְסְט אַז בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל דִיר שִׁיקְן אַרְבֶּעט - אִיז אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה; בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעבְּן אַרְבֶּעט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אִין קַאנְפִידֶענְס, אַ חִסָרוֹן אִין גְלֵייבְּן אִין זִיךְ; מֶען מֶעג בֶּעטְן אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר אַרְבֶּעט".

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן הָאבְּן דִי קַאנְפִידֶענְס אוּן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֵיינְט צֶענְדְלִיגֶער בִּיכֶער אִיבֶּער דֶעם, גֶעצָאלְט טֵייעֶר גֶעלְט פַאר קוּרְסֶעס, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גוּטֶע עֵצוֹת וָואס אַרְבֶּעטְן יָא.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קַאנְפִידֶענְס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה מַאכְט דָאס מֶען זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווֵייסְט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס; אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן נִישְׁט, אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ - דָאס גֶעבְּט אַ שְׁטַארְקֵייט מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם,

מֶען זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ.

דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט צֶענְדְלִיגֶער בִּיכֶער אוּן גֶעצָאלְט שְׁוֶועֶרֶע גֶעלְטֶער צוּ וִויסְן אוּן זִיךְ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן קַאנְפִידֶענְס, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם; דִי בִּיכֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט - דָאס אִיז וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דִיר פוּן הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי בִּיכֶער זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף חֲנוּפָה, זֵיי לֶערְנֶען אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יֶענֶעם חַנְפָה'נֶען, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין גֶעלוּנְגֶען מֶער פוּן יֶענֶעם, גֶעפֶעלְן פַאר יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס צוּ פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט אַז דַיין קָאפּ אִיז דִיר אָנְגֶעפִילְט מִיט גוֹי'שֶׁע בִּיכֶער - זָאלְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין קָאפּ, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט, דִי זִיסְקֵייט, דִי אַיינְגֶענֶעמְקֵייט אוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט וֶוערְן בַּיי דִיר קְלָאר אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס נֶעמֶען פַּרְנָסָה, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פַּרְנָסָה, נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט - דָאס הָאט מֶען, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי בְּרִיוּו - אַלְץ מֶער וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט וֶוערְן זִיכֶער מִיט זִיךְ.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, דוּ פְּרוּבִּירְסְט מַאכְן בִּיזְנֶעס מִיט מֶענְטְשְׁן, זָאלְסְטוּ אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אַז גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן אִים; 'דָאס וָואס אִיךְ זוּךְ פַּרְנָסָה, דָאס וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר רֶעדְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ - דָאס טוּ אִיךְ וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אִיךְ זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה; נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט מִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה, נִישְׁט יֶענֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה'. אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ חַזֶר'ן, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעם צוּ חַנְפָה'נֶען - אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

נָאךְ אַן עֵצָה פַאר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, זֵיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ; רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ אִירֶע זַאכְן אוּן וֶוער נִישְׁט נֶערְוֶועז אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן גְרוֹיסֶע שֶׁפַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הַמָּמוֹן שֶׁל הָאָדָם, בָּא לוֹ עַל יְדֵי בַּת זוּגוֹ", דִי עִיקָר גֶעלְט קוּמְט פוּן דִי וַוייבּ; אַז מֶען

**אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ – הָאט מֶען שֶׁפַע.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע קַבָּלוֹת נָאר בְּלִי נֶדֶר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת .. תִּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָאגְט אַייעֶר טָאכְטֶער זִי זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד אִיר בַּת מִצְוָה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. אַז זִי וֶועט קֶענֶען זָאגְן דֶעם יוֹם וֶועט זִי זָאגְן דֶעם יוֹם, אוּן אַז זִי אִיז פַארְנוּמֶען, זִי הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים - זָאל זִי זָאגְן וִויפִיל זִי קֶען.

אוֹיךְ זָאל זִי זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס.

בְּנוֹגֵעַ אַז זִי הָאט לַחַץ אִין סְקוּל פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט אַז מֶען מוּז זִיךְ פָארְנֶעמֶען קַבָּלוֹת טוֹבוֹת; רֶעדְט מִיט אִיר אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען דִי אַלֶע קַבָּלוֹת בְּלִי נֶדֶר, וֶוען זִי נֶעמְט זִיךְ פָאר דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת זָאל זִי קְלָאר זָאגְן אַז דָאס אִיז בְּלִי נֶדֶר. זִי דַארְף נִישְׁט זָאגְן אִין מֵייק הוֹיךְ אַז דָאס אִיז בְּלִי נֶדֶר, זִי קֶען זָאגְן פַארְדֶעם אַז דִי אַלֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס זִי גֵייט אוֹיסְרוּפְן אִיז אַלְץ נִישְׁט קַיין נֶדֶר.

בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל אִין בֵּית פֵיגָא זָאגְן דִי מֵיידְלֶעךְ יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי עֶנְדִיגְן זֵיי יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וַוייבּ אַז זִי לָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זִי זָאגְט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין קוֹיפְן אַ טִיקֶעט - דַארְפְסְטוּ אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אוּן אִיר זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען.

מֵילָא אַ פְרוֹי וָואס קוּמְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּבּ, אָדֶער אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא, אָדֶער אַלְטֶע מְקוֹרָבִים - בַּיי זֵיי אִיז דָאס אַ פַּשְׁטוּת; בַּיי זֵיי אִיז פַארְקֶערְט, זֵיי קוֹיפְן אַ מַתָּנָה פַארְ'ן מַאן אַז זֵיי פָארְן קַיין אוּמַאן, דִי פְרוֹיעֶן דַארְפְן דָאס מֶער ווִי דִי מֶענֶער, בַּיי זֵיי אִיז דָאס שְׁטֶערְקֶער, זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָבֶער בַּיי דַיין וַוייבּ וָואס זִי קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת, אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ בְּרֶסְלֶב וְכוּ', זִי הָאט נִישְׁט חַבֶרְ'טֶעס, אַז זִי זָאגְט דִיר דוּ קֶענְסְט פָארְן - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע ווְאוּנְדֶער, דַארְפְסְטוּ אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אוּן שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו.

אֲפִילוּ דוּ הַאלְסְט שׁוֹין דָא, דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים וְכוּ', דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ רֵייסְן תְּפִילוֹת מִיר זָאלְן טַאקֶע אָנְקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

...

**אַשְׁרֵינוּ טוֹיזְנְט מָאל, אַז מִיר זֶענֶען בַּיי אַ רֶבִּי וָואס נַארְט אוּנְז נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין, דוּ ווֵייסְט דָאךְ אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן, דוּ קֶענְסְט דָאךְ דִי פָּאלִיטִיק וָואס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם ווִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד, פַאר אַבִּיסְל

דִּמְיוֹן אִיז מֶען גְרֵייט יֶענֶעם אוֹיפְצוּעֶסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט; אִיךְ וִויל דִיר פְּרֶעגְן, וָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער? וָואס אִיז אַזַא בּוּשָׁה צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר?!

עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ אַ ... חָסִיד, אַ ... חָסִיד - וָואס דִי גַאנְצֶע עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּנֶעם פְּלַאץ אִיז נָאר תַּאֲוָה, שְׂרָרָה, קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה; וָואס אִיז אַזַא בּוּשָׁה צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס דִי גַאנְצֶע קָאפּ, מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז נָאר רְצוֹנוֹת אוּן כִּסוּפִים צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

וָואס פַארְקוֹיפְט ... רֶבִּי? וָואס?! וָואס פַארְקוֹיפְט ... רֶבִּי? וָואס?! שְׁטֵייט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן זֵיי נָאךְ אוּן ווִילְן זֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִין זַיין הַאנְט, אוּן בַּיים סוֹף, וֶוען דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת וֶועט קוּמֶען וֶועט דֶער רֶבִּי עֶפֶענֶען זַיין לֵיידִיגֶע הַאנְט אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן.

אַשְׁרֵינוּ טוֹיזְנְט מָאל, אַז מִיר זֶענֶען בַּיי אַ רֶבִּי וָואס נַארְט אוּנְז נִישְׁט.

...

## אִינְוֶועסְטִיר אִין בְּלֶעטֶער גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אַ בְּלַאט גְמָרָא רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט אַזוֹי מוֹרָא דֶערְפוּן ווִי פוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת.

דוּ זוּכְסְט דָאךְ אַוֶועק צוּ לֵייגְן, צוּ אִינְוֶועסְטִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; נֶעם דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט, לֵייג דִיר אַוֶועק בְּלֶעטֶער גְמָרָא; דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף אֵייבִּיג, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בְּנוֹגֵעַ דִי דִירָה אִין שְׁטֶעטְל; יֶעצְט אִיז דֶער בְּרָאוֹקֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז דֶער וָואס הָאט גֶעוָואלְט צָאלְן מֶער גֶעלְט הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן. אִיךְ

הָאב גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶער בְּרָאוֹקֶער, דֶער בְּרָאוֹקֶער מִטַּעַם הַקְּהִלָּה - זָאל זֵיי זָאגְן אַז מִיר נֶעמֶען דָאס פַאר פוּפְצְן טוֹיזְנְט וֶוייִנִיגֶער, דָארְט הַאלְט עֶס יֶעצְט.

אִיךְ מוּז שְׁטֵיין פֶּעלְזְן פֶעסְט קֶעגְן דִי וָואס זוּכְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי פְּרֵייזְן; אַז אַלֶע וֶועלְן פָאלְגְן - וֶועלְן מִיר דָאס מַאכְן, אַלֶע וֶועלְן פַארְקוֹיפְן פַאר בִּילִיג. אַז מֶען וֶועט גֵיין אוּנְטֶער מַיין רוּקְן, מֶען וֶועט הֵייבְּן דִי פְּרֵייזְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין מוֹסָד; בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר גֶעוִוינֶען.

...

## אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״חַ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, נֶכֶד מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ קֶען עֶפֶּעס צוּרִיק טוּן פַאר מוֹהֲרָא״ש מִיט׳ן מְחַזֵּק זַיין זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

מוֹהֲרָא״ש הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְּן; מוֹהֲרָא״ש וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַ שֶׁענֶערֶע רֶבִּי וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער רֶבִּי, עֶר הָאט אַלֶעס מַפְקִיר גֶעוֶוען אַבִּי אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְּן, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳. עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן; פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען צוּרִיק גֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא״ש.

וֶוער גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי שִׂמְחָה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאט יֶעדֶע מָאל דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען; עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי מְקָרֵב גֶעוֶוען, זִיךְ אַזוֹי גֶעזָארְגְט פַאר זֵיי. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרָא״ש מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַרַיינְנֶעמֶען אַן אֵיינִיקֶל בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה אִין אוּמַאן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען

צֶענְדְלִיגֶער מָאל אִין שְׁטוּבּ נָאכְן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר מִיט אֵיינִיקְלֶעךְ, וִוי מוֹהֲרַ"ש הָאט פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן זֵיי מַסְבִּיר זַיין דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, דִי פְּרַאקְטִישֶׁע וֶועג פוּן אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָנְפַאנְג וָואךְ; אַ טֵייל הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט, אַ טֵייל הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אַ טֵייל הָאבְּן יָא שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין דֶעם וֶועג.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ מַאךְ אַן עֵסֶק פוּן דִיר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מוֹהֲרַ"ש שְׁטֵייט אוֹיבְן אוּן קֶוועלְט פוּן דֶעם וָואס דִי אֵיינִיקְלֶעךְ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ אוּן מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעצְט בִּין אִיךְ אַבִּיסְל פַארְנוּמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; דוּ זָאלְסְט שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ; גֶעבּ אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, דִי גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר דְרוּקְן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ - וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶע מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט אִיךְ זָאל אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן; וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאכְן גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פוּן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְּקוּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט קְרִיגְן זִיךְ, אֵיינֶער שְׁטֶעכְט דִי רֶעדְל פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שְׁרַייט צוּרִיק; אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת, בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - זָאל אַזַא זַאךְ פַּאסִירְן?! אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, וַוייל בְּטֶבַע קֶען אִיךְ נִישְׁט זֶען קְרִיגֶערַייעֶן, עֶס שְׁטֶעכְט מִיר אִין הַארְץ וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ, בִּפְרַט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט; אַזַא זַאךְ זָאל פַּאסִירְן בַּיי אוּנְז?! אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ אַקֶערְן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

אוֹיךְ אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הֶעלְפְט אוּנְזֶער קְהִילָּה מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, כֹּחַ אוּן מֹחַ; עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר אִיז בַּיי מִיר בַּאגְלֵייבְּט אִין גֶעלְט זַאכְן מֶער וִוי אַנְדֶערֶע בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה, אוֹיף אִים שְׁרֵייט מֶען ׳גַּנָּב׳ וְכוּ׳.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נה, ז-ח): ״מִי יִתֶּן לִי אֵבֶר כַּיּוֹנָה״, וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען פְלִיגְלֶעךְ וִוי אַ פֵייגְל, ״אָעוּפָה״, אִיךְ וֶועל אַוֶועקְפְלִיעֶן, ״וְאֶשְׁכֹּנָה״, זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, ״הִנֵּה אַרְחִיק נְדֹד״, אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן, ״אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה״, אִיךְ וֶועל נֶעכְטִיגְן אַלֵיין; וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? נֶעמֶען בָּחוּרִים אוּן אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי יָארְן, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אוּן שְׁפֶּעטֶער ווִיל אִיךְ זֶען אַבִּיסְל נַחַת - זֶע אִיךְ דָאס פַארְקֶערְטֶע, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט, מֶען שְׁטֶעכְט רֶעדֶער; אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוען דוּ רֶעדְסְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת - זָאלְסְטוּ רֶעדְן

דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. רֶעד זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה; אַז מֶען הֶערְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן אֱמוּנָה, צוּבִּיסְלִיךְ הֵייבְּט מֶען אָן צוּ וֶוערְן רֵיין פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת - קִנְאָה, שִׂנְאָה אוּן רְצִיחָה וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁקֶ"ר. מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, אַלֶע מַחֲלֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט קִ'נְאָה, דָאס אִיז דִי מִיטְלְסְטֶע אוֹת פוּן שֶׁקֶ"ר, נָאכְדֶעם קוּמְט שִׂ'נְאָה אוּן נָאכְדֶעם - רְ'צִיחָה, מֶען שְׁטֶעכְט רֶעדֶער, מֶען בְּרֶענְגְט אוּנְטֶער אַ צְוֵוייטְן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ גֶעוֶוען צוּ זֶען אוֹיבּ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז עֶרְלִיךְ אִין מִסְחָר אָדֶער נִישְׁט, אִיךְ נֶעם נִישְׁט סְתַּם אֵיינֶעם אוּן אִים גֶעטְרוֹיעֶן. וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אֵיינֶעם טַעֲנוֹת - גֵיי אִיךְ דָאס נָאךְ, אִיךְ בִּין דָאס מְבָרֵר; שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת בִּין אִיךְ גֶעזֶעצְן שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט אִינְגֶעלַייט, נָאכְגֶעגַאנְגֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר גַנְבְ'עֶט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם.

דָאךְ אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס רֶעדְן, קָאכְן, שְׁרֵייעֶן 'גַנָב' וְכוּ'; זֵיי זָאגְן עֶר קוֹיפְט מִיר אוּנְטֶער, זֵיי מֵיינֶען אַז מִיר קֶען מֶען אוּנְטֶערְקוֹיפְן, מִיר קֶען מֶען נִישְׁט אוּנְטֶערְקוֹיפְן, עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי מִיר דִי זַאכְן; אִיךְ הָאבּ לִיבּ גְרָאדֶע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ שְׁטֵיי נִישְׁט אִין וָוארְט מִיט אַ גַנָב, אַ שְׁוִוינְדְלֶער, אָדֶער אַ לִיגְנֶער; דֶערִיבֶּער, יֶעצְט אַז אִיךְ הֶער וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ זֶע מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ, טְרַאכְט אִיךְ 'מַה לִּי וּלְצָרָה הַזֹּאת, וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶענוּג אַרְבֶּעט, וָואס דַארְף אִיךְ דָאס?' אַז מֶען שְׁרֵייט 'גַנָב' אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן דַארְף מֶען אַ שְׁטֶעטְל? אַז מֶען הָאט טַעֲנוֹת - אִיז דָא אַ תּוֹרָה; גֵיי צוּ דִין תּוֹרָה, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט - דָאס וֶועט מֶען טוּן; שְׁרֵייעֶן 'גַנָב', רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע קֶעגְן דֶעם אוּן יֶענֶעם - דָאס אִיז נִישְׁט וָואס אִיךְ דַארְף, נִישְׁט דָאס אִיז מַיין כַּוָונָה.

פְרֶעג הָאבְרֵךְ ... אוֹיבּ מֶען קֶען מִיר אוּנְטֶערְקוֹיפְן מִיט גֶעלְט; עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן דֶעם הֵיי יֶערִיגְן קָאמְפֵּיין נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ קַאנְצֶערְט וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דֶעם קָאמְפֵּיין, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט", אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "מִיר

װעסְטוּ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן, אִיךְ װֵייס װָאס אִיךְ װִיל"; לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מְבַטֵּל גֶעװֶוען דִי גַאנְצֶע דִמְיוֹן זַיינֶע, דִי נַאכְט מִיט דִי זִינְגֶערְס וְכוּ'. מִיר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, מַאכְן גֶעלְט - מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט אוּנְטֶערְקוֹיפְן; אִיךְ טוּ װָאס אִיךְ הָאב מְקַבֵּל גֶעװֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל; דוּ בִּיסְט דָאךְ פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים פוּן שְׁטֶעטְל. זֶע מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן, דִי װֶעג װִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, מֶען פְלִיקְט זִיךְ, מֶען שְׁטֶעכְט זִיךְ - דָאס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְז. דִי װֶעג װִי אַזוֹי כְּלוֹמְר'ישֶׁע חֲבֵרִים רֶעדְן, מֶען שְׁטֶעכְט זִיךְ מִיט לַאכֶעדִיגֶע פֶּנִים'עֶר אוּן װֶוען מֶען זֶעט יֶענֶער װֶוערְט צֶעשְׁטָאכְן זָאגְט מֶען "זַיי מִיר מוֹחֵל וְכוּ'"; דָאס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְז.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יח): "כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת", אַזוֹי װִי דֶער װָאס װַוארְפְט שְׁטֵיינֶער אוּן פַיילְן, "כֵּן אִישׁ רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ", אַזוֹי אִיז דֶער מֶענְטְשׁ װָאס טְשֶׁעפֶּעט זַיין חַבֵר, "וְאָמַר", אוּן עֶר זָאגְט "הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי", אִיךְ הָאב נָאר גֶעמֵיינְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעמֵיינְט וְכוּ'; זֶע אַז אִין שְׁטֶעטְל, אִין אוּנְזֶער ד' אַמּוֹת - זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט.

אִיךְ הָאב גֶעזֶען דִי קְלֵיינֶע צֶעטְל װָאס דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן; נִישְׁט דָאס הָאב אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ װִיל דוּ זָאלְסְט לֵייגְן אַ גְרוֹיסֶער טָאװֶועל מֶען זָאל דָאס זֶען קְלָאר, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן בַּיים רֶבִּינְ'ס ד' אַמּוֹת.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ װֶועל װַייטֶער טוּן װָאס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיךְ קוֹיף נִישְׁט קַיין חֲנוּפָה אוּן אִיךְ חַנְפָה נִישְׁט אַנְדֶערֶע, אוֹיבּ אִיךְ װֶועל זֶען אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען שְׁטֶעכְט זִיךְ - װֶועל אִיךְ זִיךְ זוּכְן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער װוּאוּ צוּ גֵיין. עֶס שְׁטֵייט מִיר פַאר דִי אוֹיגְן דִי װֶוערְטֶער װָאס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת: "אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אַייךְ, עֶס

גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט״.

...

**זָאג ״יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס״ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה בַּיי דִיר, יָארְן לַאנְג הָאסְטוּ גֶעוַוארְט אוֹיף קִינְדֶער אוּן יֶעצְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֶּן זָכָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִים צוּ מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דוּ הָאסְט אַ בֶּן זָכָר אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים. דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, עֶס וֶועט קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס; אִין אָנְהֵייבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהֵייבּ זָאלְסְט זָאגְן אֲפִילוּ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער: ״יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס״, דָאס זָאלְסְטוּ זָאגְן טָאג אוּן נַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דָאס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס רֶעדְן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַלֶעס אוּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט.

...

## אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז מֶען מְקַנֵא דֶער וָואס אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן מִיט דִי חֵדֶר, סְקוּל, קֶעמְפּ וְכוּ׳; וָואס מִיר טוּעֶן – טוּעֶן מִיר נָאר פַאר אוּנְז, דָאס בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי׳ן – דָאס אִיז פַאר אוּנְזֶער תִּיקוּן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מִיר וֶועלְן זֶען וָואס דָאס מֵיינְט מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז מֶען מְקַנֵא דֶער וָואס אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שיד).

בְּנוֹגֵעַ דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן וְכוּ׳; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ הַבָּחוּר ... עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם עוֹל פוּן טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פוּן דִיר, עֶר זָאל זַיין אַחְרָאִי אוֹיף דֶעם בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַרוֹיס צְוֵויי בָּחוּרִים זָאלְן דִיר הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי בִּנְיָן פַאר דִי אִינְסְפֶּעקְשְׁן.

בְּנוֹגֵעַ קֶעמְפּ; רֶעד צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת אוּן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֵייגְן קַיין פַּאפִּיר אוּן וַוייפְּס אִין דִי בֵּית הַכִּסֵא, עֶס מַאכְט חָרוּב דִי סוּעֶר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען דִי מִשְׁפָּחוֹת אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף רֵיינְקַייט, עֶס זָאל זַיין רֵיין אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר׳ן רֶבִּינְ׳ס פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קְרִיכְן אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן פְרִידְזְשִׁידֶער; זֵיי זֶענֶען לֶעבֶּעדִיג, דֶערְפַאר קְרִיכְן זֵיי, טְרַאכְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְט, זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; זָאג זֵיי שְׁטְרֶענְג אָן זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן.

...

**זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיים קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן בַּיים אַהֵיימְגֵיין - אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן אִינֶעם בִּנְיָן.

יֶעצְט אִיז דָא אַ פְּרִישֶׁע פַּרְשָׁה מִיט הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד, עֶר הָאט מוֹרָא עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אֵיינֶער אַלֵיין אִינֶעם בִּנְיָן. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס פָארִיגֶע וָואךְ, עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן בָּאס עֶפֶּעס נֶעמֶען וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִיז דִי בָּאס שׁוֹין גֶעפָארְן, עֶר אִיז דָאס נָאכְגֶעלָאפְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער דְרַייוֶוער אוּן דֶער בָּאס רֶבִּי גֶעוִויסְט אַז עֶר דַארְף נָאךְ קוּמֶען, זֵיי הָאבְּן נָאר אוֹיסְגֶעדְרֵייט דֶעם בָּאס, אָבֶּער דֶער קִינְד שְׁלָאפְט שׁוֹין נִישְׁט; עֶר צִיטֶערְט, עֶר וֵויינְט, עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר.

דָאס אִיז שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע פַּרְשָׁה דִי יָאר, דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; אִיךְ הָאב דִיר גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין אַחְרַיוּת - זָאלְסְטוּ בַּארוּאִיגְן דִי קִינְדֶער.

מַאךְ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיב קֵיינֶער פֶעלְט נִישְׁט וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּחָדִים בַּיי דִי קִינְדֶער.

...

**דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע סְמַארְטְפָאוֹן אִיז מַיין שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; אַסַאךְ בְּרֶענְגֶען מִיר מַתָּנוֹת, רוֹב מַתָּנוֹת נוּץ אִיךְ בִּכְלַל

נִישְׁט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מַתָּנוֹת; אָבֶּער דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט, דִי ׳צֶעבְּרָאכֶענֶע סְמַארְטְפָאוֹן׳, הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן דָאס שֵׁיין אַיינְגֶעפַּאקְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז דָאס אִיז בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם - דָאס אִיז פַּאר מִיר דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס שִׁיקְט מִיר אַזַא מַתָּנָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַסַאךְ צֶעבְּרָאכֶענֶע טֶעבְּלֶעטְס, אֵייפַּאדְס, סְמַארְטְפָאוֹנְס; מֶען זֶעט מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דְרֵיי זַאכְן הָאבּ אִיךְ גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינֶע פוּן זֵיי אַז אַן עֲבֵירָה וֶועט אַייךְ קְרֶענְקְן, עֶס וֶועט זַיין אָן קַיין הֶענְט אוּן אָן קַיין פִיס, אִיר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען טוּן אַן עֲבֵירָה גַאנְצֶערְהֵייט; וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען הֵייבְּט אָן הֶערְן דִי חִיזוּק, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף אַזַא זִיסֶע וֶועג, עֶס גֵייט אַרַיין שְׁטִילֶערְהֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דָאס הֵייבְּט אָן פַּיינִיגְן, עֶס לָאזְט נִישְׁט מְנוּחָה; אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זַיינֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן מִידוֹת רָעוֹת, עֶר פַאלְט נָאךְ אַרָאפּ, דָאךְ הֵייבְּט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן דְרֵייעֶן דִי קִישְׁקֶעס, בִּיז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דִי גֶעטְשְׁקֶע, הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן דַיינֶע; הָאסְט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ זָאגְן ׳נֵיין׳ פַאר׳ן יֵצֶר הָרָע, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן. שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעקוֹיפְט, שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעקוּקְט וְכוּ׳ אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פַאר׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.

מִיר בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִי חֵדֶר אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, וֶוער עֶס זֶעט דִי קִינְדֶער קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה ה, ד), בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף הָאבְּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דִי זֵייגֶעדִיגֶע קִינְדֶער גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער (שְׁמוֹת טו, ב): ״זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ״; בַּיי דִיר אִין כִּתָּה הֶערְשְׁט אַזַא גִּלּוּי אֱלֹקוּת, דִי פִּיצְלֶעךְ שְׁרֵייעֶן: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״

מִיר דַארְפְן זִיךְ צַאמְזֶעצְן זוּמֶער צוּ זֶען דִי פְּלֶענֶער פַאר שְׁנַת תשפ״ב.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֵׁר כֹּחַ ... פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט, פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

שְׁרַייב מִיר לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר, אִיךְ וִויל זַיין דָארְט.

...

### מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט וֵוייךְ אוּן שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

מַזָּל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין אַייעֶר טָאכְטֶער לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט אִין אָפִּיס, אִיר מַאכְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט מִיטְ׳ן אַיינְקַאסִירְן דִי שְׂכַר לִימוּד; אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט וֵוייךְ אוּן שֵׁיין. מִיט גוּטְנְ׳ס פּוֹעֶלְ׳ט מֶען מֶער וִוי מִיט שְׁטְרֶענְג.

...

### אַ מְלַמֵּד דַארְף אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן אוּן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

... חֲזַק וֶאֱמָץ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר, דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר מֶער נִישְׁט; אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַלֶע פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיךְ וָואס דוּ זֶעסְט בַּיי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, בְּלַייבּ נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין שׁוּל שְׁמוּעֶסְן; דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן, זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט.

...

## די מֵיידְלֶעךְ און די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צופְרִידְן פון אַייעֶר אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**די חָשׁוּבֶ'עֶ טִיטְשֶׁער ... תִּחְיֶ'**

אַלֶע זָאגְן אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, די מֵיידְלֶעךְ און די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג.

...

## אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין קְלַאס, אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן די סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי, די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פון אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה אִין קְלַאס, אַ פְּרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער; אַז עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה - אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד, בִּפְרַט פַאר די וָואס זֶענֶען מִיט די רִינֶעדִיגֶע נָאז; זֵיי בַּאקוּמֶען גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְט אִיר זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

...

**דִי חִינוּךְ וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער בָּאס מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר הָאט אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אַ שְׁמוּעֶס פוּן צְוֵויי קְלֵיינֶע פִיר יֶערִיגֶע קִינְדֶער אוֹיפְ׳ן בָּאס, אֵיינֶער זָאגְט דֶעם צְוֵוייטְן: ״קוּם קוּקְן אוֹיפְ׳ן הִימְל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְ׳ן הִימְל בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה״.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, וָואס פַּאר אַ חִינוּךְ דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיפְ׳ן הִימְל, זֵיי זָאלְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֱמוּנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

זוּמֶער וֶועלְן זַיין מֶער קִינְדֶער, עֶס קוּמֶען אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטָאט; זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט ...

...

**צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט יָאנְטְשִׁי; עֶס אִיז שֵׁיין, רַייךְ אוּן הֶערְלִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט אִין סְקוּל.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיר מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם מִיט אַייעֶר שֵׁיינֶע אָנְטוּן; אַלֶע וֶועלְן אַייךְ נָאכְמַאכְן, וַוייל אִיר וַוייזְט אַז צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט יָאנְטְשִׁי, עֶס אִיז שֵׁיין, רַייךְ אוּן הֶערְלִיךְ.

...

**גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער הִתְבּוֹדְדוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער הִתְבּוֹדְדוּת.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער הֲפָצָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוער עֶס הֶעלְפְּט רֵיינִיגְן דִי שׁוּל.

...

**תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֶׁר כֹּחַ; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין סְקוּל.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן; עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַייעֶר אָנְטוּן אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן זֵייעֶר שֵׁיין; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער פוּן סְקוּל קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף צְנִיעוּת וֶוען מֶען זֶעט אַייךְ, מֶען קוּקְט אוֹיף אַ טִיכְל ווִי אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, נִישְׁט ווִי אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ.

דָאס אִיז מַיין חָלוֹם, אַז תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

...

**דִי קִינְדֶער וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן גוּטֶע מִידוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט קֶענֶען וַוייטֶער מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין זוּמֶער מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְפִילְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

יֶעדְן טָאג וֶוערְן דִי קִינְדֶער מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

**אַ מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת, אַ מְחַיֶ׳ שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶלְטֶערְן הַאלְטְן מִיר אִין אֵיין שְׁרַייבְּן פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער וִוי זֵיי קוּמֶען אַהֵיים אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן וִוי זֵיי וַוארְטְן צוּ גֵיין אִין סְקוּל מִיט אַזַא שִׂמְחָה.

זֵיי זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זֵיי זִינְגֶען: ״אַה מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת, אַה מְחַיֶ׳ שַׁבָּת״; דָאס אִיז אַלֶעס דִי פֵּירוֹת פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל אִיךְ טְרֶעף אִים.

...

### אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע אָפִיס אַרְבֶּעטֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט דִי וָואךְ וְוִי גוּט אִיר אַרְבֶּעט, וְוִי גֶעטְרֵיי אִיר טוּט דִי אַרְבֶּעט אִין אָפִיס, וְוִי גֶעשִׁיקְט אִיר זֶענְט.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע אָפִיס אַרְבֶּעטֶער; גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ אַז אִיךְ דַאנְק זֵיי אַלֶע פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

### דֶער לִימוּד פוּן נֵייעֶן אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל.

בַּיי מִיר אִיז דֶער לִימוּד פוּן נֵייעֶן זֵייעֶר וִויכְטִיג, מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן קֶענֶען נֵייעֶן; זֵיי גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְן זֵיי וִויסְן וְוִי אַזוֹי צוּ נֵייעֶן אַ קְנֶעפְּל, אַ רִיס, אַ הֶעם וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין סְקוּל מִיטְ׳ן אוֹיסְלֶערְנֶען נֵייעֶן.

שְׁנַת תשפ״ב וֶועט מָרַת ... זַיין דִי מְנַהֶלֶת אִין סְקוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיט אִיר, אֲפִילוּ זִי אִיז יוּנְגֶער; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק דִי יָארְן, אַז מֶען אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

**דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעֲרַאטֶעוֶועט דִי מוֹסָד, וֶועט אַייךְ**
**בַּאגְלֵייטְן בְּזֶה וּבַבָּא**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בַּארֶעכְנְט זִיךְ, טְרַאכְטְס אַרַיין אַ מִינוּט וָואס אִיז דָאס דִי לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען לֶעבְּט דָאס בִּיסְל יָארְן וָואס אִיז בַּאשֶׁערְט, דָאס בִּיסְל יָארְן אִיז פוּל מִיט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מֶען טוּט - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט.

דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט דִי מוֹסָד, גֶעֲרַאטֶעוֶועט דִי מוֹסָד זָאל נִישְׁט פַאלְן, מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי אָפִּיס - דָאס אִיז אַייעֶרְס, דָאס וֶועט אַייךְ בַּאגְלֵייטְן בְּזֶה וּבַבָּא.

...

בעזהשי"ת

**אנשי שלומינו**

# הקשיבו!

רופט שוין און הערט א רייכע און

## אינפארמאטיווע אינטערוויו



וואס טוהט זיך אונטער די קוליסן
פון די אנגייענדע קאמפיין קבל ומסרה

**רופט יעצט!**

# 212.444.9191

| דערנאך: | דערנאך: | דערנאך: | און דערנאך: |
|---|---|---|---|
| 1 | 7 | 5 | 123 |

קבל ומסרה

ספר איש אמונות אידיש

אִיךְ גֶעבּ וַוייטֶער וָואס אִיךְ בַּאקוּם

**פאלגט נאך**
ווייטערדיגע מעלדונגען

## לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן

לָאמִיר אִים נָאכְלוֹיפְן...!

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט? מִיר מוּזְן אִים נָאכְלוֹיפְן, מִיר מוּזְן זֶען וָואס עֶר הָאט דָארְט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט'.

דִי קִינְדֶער לוֹיפְן, זֵיי לוֹיפְן אוּן לוֹיפְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט; דֶער מְשׁוּגָע'נֶער אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן, בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין הַאנְט אוּן... אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן נָאנְט, מֶען קוּקְט אִין זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; עֶר הָאט אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין זַיין הַאנְט.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זֵיי הָאבְן אַלֶע גֶעזָאגְט: "מֶעהֶעהֶ...!!! אַ גַאנְצְן טָאג זֶענֶען מִיר אִים נָאכְגֶעלָאפְן, מִיר הָאבְן גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גוּטֶע סְחוֹרָה, גוּטֶע זַאכְן; אַ שָׁאד אוּנְזֶער צַייט", - הָאבְן אַלֶע קִינְדֶער גֶעזָאגְט.




לֵיידִיגֶע הֶענְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו) אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְז, עֶר נַארְט אוּנְז אָפּ; עֶר וַוייזְט אוּנְז אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס גוּטְס לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ, מֶען פָּאלְגְט אִים, בִּיז עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט; דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא קַיין גוּטְס בַּיי אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַ צַדִּיק, עֶר פָּאלְגְט אַ צַדִּיק, וֶועט עֶר הָאבְּן פוּלֶע הֶענְט; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

# זעט גרויסע ישועות

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שלח,

י״ט סיון, שנת תשפ״א לפרט קטן

לכבוד מיין טייערד ... נרו יאיר

דו דארפסט דאך א גרויסע ישועה, זאלסטו מנדב זיין געלט צו דרוקן אשר בנחל, אדער עצתו אמונה, איש אמונות - וואס איז א המשך פון אשר בנחל.

ווייל מוהרא״ש האט מבטיח געווען, ווער עס וועט נעמען א חלק אין דרוקן די הייליגע בריוו פון אשר בנחל - וועט גלייך זען א גרויסע ישועה, למעלה מדרך הטבע.

די הבטחה גייט אויך ארויף אויפ׳ן ספר עצתו אמונה, און ספר איש אמונות; די בריוו פון עצתו אמונה און איש אמונות איז א שטיק אשר בנחל, אלעס איז גענומען פון מוהרא״ש, יעדע בריוו איז שכל פון מוהרא״ש.

איך האב געגעבן דעם נאמען איש אמונות, געבויט אויף דעם וואס שלמה המלך זאגט (משלי כח, כ): ״אִישׁ אֱמוּנוֹת״, א מענטש מיט אמונה, ״רַב בְּרָכוֹת״, האט אסאך ברכות; אין די ווארט אי״ש איז דא די אותיות א׳ ש׳ - די נאמען פון מוהרא״ש, און אויך איז מרומז מיין נאמען - י׳ - ארייגעלייגט צווישן די אותיות פון מוהרא״ש׳ס נאמען; איך האף צום אייבערשטן איך זאל בלייבן ביי מוהרא״ש מיין גאנץ לעבן בזה ובבא.

**אז דו וועסט מנדב זיין צו דרוקן די הייליגע בריוון וואס ברענגט אריין אזויפיל קדושה וטהרה און חיזוק צו מקיים זיין די תורה, וועסטו זען א גרויסע ישועה בקרוב ממש.**

# זכור

וואס עס ז...

די חשוב׳ע

# ספר

## זכות שם מהדורה

## $5,000

**זכות מהדורה**

נמכר

ר׳ **אלי׳ צ׳ג** הי״ו ושותפיו

וויליאמסבורג, ווייזניץ קיימישע

**זכות מהדורה**

נמכר

ר׳ **יענקי פיש** הי״ו

בארא פארק

**זכות מהדורה**

נמכר

**הרוצה בעילום שמו**

וויליאמסבורג

**זכות מהדורה**

נמכר

ר׳ **מנחם זאב שטערן** הי״ו

סטעטן איילענד

**זכות ראש השנה**

נמכר

ר׳ **משה גאטליב** הי״ו

קרית יואל

**זכות יום כיפור**

**זכות סוכות**

נמכר

ר׳ **אברהם יצחק אייזנער** ה...

וויליאמסבורג

**בראשית** — נמכר

ר׳ **נתנאל פארקאש** הי״ו

קרית יואל

**נח**

**לך לך** — נמכר

ר׳ **משה ראזענבערג** הי״ו

ירושלים

**וירא**

**חיי שרה** — נמכר

ר׳ **יענקי איידליס** הי״ו

וויליאמסבורג

**תולדות**

**ויצא**

**וישלח** — נמכר

ר׳ **אלימלך שארף** הי״ו

בארא פארק

**וישב** — נמכר

ר׳ **יעקב שלום ראטטענבערג** הי״ו

קרית יואל

**מקץ** — נמכר

ר׳ **יצחק משה רייך** הי״ו

בארא פארק

**ויגש**

**ויחי** — נמכר

הרב **שלמה ראטה** הי״ו

וויליאמסבורג

**שמות**

**וארא**

**בא**

**בשלח – שירה**

**יתרו** — נמכר

ר׳ **חיים יוסף ראזענבערג** הי״ו

וויליאמסבורג

**משפטים** — נמכר

ר׳ **מרדכי אהרן היילפרין** הי״ו

קרית ברסלב

**תרומ...** — נמכר

ר׳ **זושא פריע...**

מאנס...

**תצו...**

**כי תש...** — נמכר

חבורת היכל

בני ברק - ב...

**ויקהל-פ...**

**נאך 25 זכותים פארבליבן אינעם ספר וואס וועט בעז״ה ווער...**

# ים נצחיים

ועט פאראייביגט ווערן די נעמען פון
נדבנים אינערהאלב דעם הייליגן ספר

# איש אמונות
## שנת תש"פ

## זכות שם מהדורה
## $5,000

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שמעון ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שמואל'ק בלעדי הי"ו
בארא פארק

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו
קרית ברסלב

**זכות מהדורה** — נמכר

## זכות ימים טובים
## $1,500

**זכות חנוכה** — נמכר
ר' שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו
וויליאמסבורג

**זכות פורים**

**זכות פסח** — נמכר
ר' אהרן פיש הי"ו
קרית ברסלב

**זכות שבועות** — נמכר
לזכות הראש ישיבה שליט"א
קרית ברסלב

## זכות פון א פרשה
## $1,000

**ויקרא** — נמכר
ר' אהרן פיש הי"ו
קרית ברסלב

**צו**

**שמיני**

**תזריע**

**טהרה**

**אחרי**

**קדושים**

**אמור** — נמכר
הרוצה בעילום שמו
וויליאמסבורג

**בהר-בחקותי**

**במדבר**

**נשא** — נמכר
ר' לוי יצחק זאפיר הי"ו
בארא פארק

**בהעלותך** — נמכר
ר' שמואל אליעזר פערל הי"ו
לאנדאן

**שלח** — נמכר
ר' אלי קנאלל הי"ו
טשעסנאט רידזש

**קרח** — נמכר
ר' יוסף פעלדמאן הי"ו
מאנסי

**חקת-בלק** — נמכר
ר' לייבי ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**פנחס**

**מטו"מ** — נמכר
ר' נחמן נתן קרויס הי"ו
וויליאמסבורג

**דברים** — נמכר
ר' נח הערש ווייס הי"ו
קרית יואל

**ואתחנן** — נמכר
ר' הערשל שניצלער הי"ו
קרית ברסלב

**עקב**

**ראה**

**שופטים**

**כי תצא**

**כי תבוא** — נמכר
ר' אייזיק ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**נצבים-וילך** — נמכר
ר' יואל טייטלבוים הי"ו
קרית יואל

**האזינו** — נמכר
ר' שמעון אשרי הי"ו
מאנסי

פארשפרייט אין די גאנצע וועלט, כאפט אריין א זכות וואס וועט אייך אייביג צוניץ קומען!



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com